STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04465

LIDER

Kalman Segal

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ק. סעגאל

לידער

פארלאג • „יידיש בוך“ • ווארשע 1952

K. SEGAL

WIERSZE

Redaktor: L. OLICKI
Okładkę projektował: I. REJZMAN

רעדאַקטאָר: ל. אָליצקי
הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa 1952 r.

Nakład 5.500 egz. Ark. druk. 3,5 Ark. wydawn. 2 Papier dziełowy V kl. 61x86 cm. 70 g
Druk ukończono w czerwcu 1952 r.
Druk. „Nowe Życie“ Warszawa ul Tarczyńska 8 3-B-50556

מיין היים

מיין היים

כ׳גערענק מיין אלטע היים.

ביים וועג געשטאנען איז א קרייץ א קרומער,
און איך, דאס ייִנגל, שטיי און טראכט:
ווער איז גאט?

דא, אויף דעם קרייץ ביים שליאך,
אדער דארט, ביים רבין אין חדר?
איך קער זיך אום און גיי אהיים
אין דער אלטער קרעטשמע ביים שליאך,
וואס נאך דער זיידע האט געבויט
מיט זיינע הארעפּאשנע הענט —
(דערפאר איז דער שטרויענער דאך
און די קרומע, הארבאטע ווענט
זיין שענסטער פּאלאץ געווען אויף דער וועלט,
זיין יידישע היים אויף פּוילישן, פּריצישן פעלד).

דער פּריצישער הויף איז שענער דאך געווען פון זיין היים —
סאלאנען ליכטיקע, מוזיק און פּרויען־געלעכטער;
דארפישע קינדער האבן נישט געקאנט פארשטיין,
ווער ס׳לאכט און זינגט: רוסאלקעס, אדער פּריצישע טעכטער.

איך געדענק זיי, די דארפישע יארן —

ס׳ווערן פון דארפישע קינדער — פרויען און מענער;
טיפער די קנייטשן און גרויער די האר
פון די פּויערישע מאמעס;
די פעלדער ווערן שמעלער און קלענער,
קלענער און שמעלער די לאנעס,
ווייל ס׳טיילן דאס פעלד די פּויערישע טאטעס
פאר דערוואקסענע זין און טעכטער;
זיי בענטשן, די קינדער זאלן זיין זאטע,
און מעסטן, די חלוקה זאל זיין א גערעכטע.

און שפּעטער האָט דאָס ייִנגל פֿאַרשטאַנען,
פֿאַרוואָס אין דאָרף איז אָרעמקייט כּסדר,
און נויט איז אונטער יעדן פּויערישן דאַך, —
דעמלט האָט ער זיך געלאָזט אַוועק
צו דער פֿרעמדער שטאָט און וועלט.
געפֿירט האָט אים דער ווייסער פּראַכיקער וועג,
געלאַכט האָט אויס אים דאָס ברייטע פּריצישע פֿעלד.

פרילינג אין דער היים

די שטוב איז פראַסט און איינפאַך,
דאָרפיש, ווי ביי אַלע דאָרפסלייט —
ווענט האָרבאַטע, און פון שטרוי דער דאַך.
שטאַרט די שטוב אין מיטן פעלד,
וואָס ציט זיך אין דער ווייט,
און יעדעס ווינקל פון דער שטוב איז היימיש,
און אויך דאָס גרויסע גרינע פעלד איז — היים.

דער הימל — ווי די אויגן פון דער מאַמען,
אין די זון אינמיטן טאָג — ווי אַ גרויסע געלע בלום,
און איך — אַ קינד, נעם צוזאַמען
די ווייטקייט פונעם הימל, די גרינקייט פון אַרום,
די אַלטע ליפּעס און קאַשטאַנעס ביי דעם שליאַך,
דעם בינשטאָק, אָנגעשפּאַרטן אין אַ בוים,
דעם בושל, וואָס שטייט אויפן דאַך —
דאָס אַלץ איז — היים.

עס וועקט זיך אויף אַ קינד —
אַ שטילקייט איז אין דאָרפישן אַלקער;
די מאַמע איז שוין לאַנג אַרוים פּאַיען די קי,
דער טאַטע איז פון פאַר באַגינען נאָך פאַרנומען מיטן אַקער.

עס טייט אויף די זון, צו שפּילעריי און שטיפן גרייט,
ווי אַ קינד, וואָס יעדער פון אים קוועלט,
זי וואַרפט אַ בינטל שטראַלן דורכן פענצטער אין שטוב אַריין,
גיט אין מאַרגנטוי אַ שפּיגל איר געזיכט,
שיקט אַ גלאַנץ דעם מענטש ביים אַקעראייזן,
פילט די אויגן זיינע אָן מיט בלויען ליכט,
און מיט פרייליכן גוט־מאָרגן.

ערד

ווי אַ זילבערנע סטענגע — דער טייך;
די בערג — געקעסטלט אין גריק-געלע קראַטן —
ביסט היינט נאָר אַ חלום, מיין דאָרף,
אַ דערמאָנונג — דיינע אַראָמאַטן.

פרימאָרגנס אין שניט פריע —
ס'ווינקט אויף מיר דער ווילדער מאָן,
ס'בייגן זיך די זאַנגען, —
פון הימל טרעלט אַ זשייוואָראָן
מיט זיסע קלאַנגען.
ס'ציט אַ פאַסטעך ערגעץ אַ געזאַנג, עס שפילט אַ פלייט —
סערפּעס קלינגען מיט שטאָל, צום שניידן גרייט.
פרויען — אין צווייען געבויגן.
אַ שריט — אַ טאַנץ. דער סערפּ גלאַנצט, ווי אַ שווערד,
און שניידט מיט כוח און צאַרן זיך אַריין אין גאָלדענעם קאָרן,
און פינקלט צו די זאַנגען מיט זיין שטאָלענער שאַרף.

ערד מיינע! איך וויים —
האָסט היינט הנאה פון מיר און פון מיין שוויים.
ערד מיינע, זיי געבענטשט!

אויף דעם צלם ביים וועג גוססט אַ געקרייצטער מענטש
אין זיין טויט פאַרטראַכט —

ס'טובלען זיך די ווערבעם
אין טייך און אין פאַרנאַכט —
און איבער וואַלד און פעלד
צום הימל-צעלט
קלינגען קלאַנגען
צו אָווענט-מאַרי —

איך בייג צו דער ערד מיין געזיכט און קלער:
ס'איז ווידער אוועק א טאג,
וואס וועט נישט קומען מער.

אויפדערנאכט אטעמט דאס דארף אין רו;
ס'ווישט אפ דעם שוויים די לבנהדיקע שיין;
ס'באגלייט „א גוטע נאכט" פון גרילן,
א שטילע מידקייט טרייבט אהיים.

— — — — — — — — — — — —

דאס השכות האט מיט היי זיך צעשמעקט,
דעם הימל שפאלט א פאלנדיקער מעטעאר,
ס'האט זיך א חשד אין מיר דערוועקט,
אז ס'איז א חלום נאר — — — —

האַרבסט

פרימאָרגן ווערט אַלץ שפּעטער, שפּעטער,
און מיט אַ יעדן טאָג קומט פריער אָן דער זון־פאַרגאַנג.
די ערשטע ווערן געל בעריאָזע־בלעטער,
עס רויטלט זיך דער ווילדער וויין,
און ס'בלאַנקעט אום אַ טרויער אויף די פוסטע פעלדער —
ס'איז אומעטיק און באַנג.

ס'איז טרויעריק דער האַרבסט,
ווי מיין טאַטנס ראש־השנהדיקער ניגון
פון שיר המעלות ממעקים —
די ביימער־צווייגן שטיל־תחנונימדיק זיך וויגן,
אָרעם, נאַקעט.

די זון — זי וואַרעמט מילד,
נאָר וויפל אומעט איז אין איר פאַראַנען!
אַ ווייסער שפּינוועב איבער פעלדער שוועבט,
און נעפּלען דעקן איין די נאַקעטקייט פון לאַנען.
ס'פאַרציט דער הימל בין־השמשות זיך מיט וואָלקנס
טונקעלע און שווער ווי בליי.
דאָס דאָרף זיך הילט אין פינצטערניש, ווי שוואַרצער סאַמעט,
עס טראָגט זיך פון ווילדע געגנדן און זשוראַוויעס דאָס געשריי —
דאָס האַרץ טוט וויי, פאַרקלאַמערט.

אָרעמע ערד, צעשניטענע אויף פאַסמעס, שטיקלעך,
און דו, פאַרליבטער אין דער נחלה, טאַטע —
נישט איר האָט באַוויזן מיר זאָלן זיין גליקלעך,
נישט איר האָט באַוויזן, מיר זאָלן זיין זאַטע.

— — — — — — — — — — — — —

היינט איז אין מיין דאָרף אַ ניי געמיט פאַראַן —
נישט טרויער הערשט דערין, נאָר פרייד;
זעטיקייט — און נישט די גרויע, נאָגנדיקע זאָרגן.
נאָר ס'האָט מיין טאַטע נישט דערלעבט די צייט,
און איך בין היינט אַ זינגענדיקער שטאָטמאַן —
פון ווייטן בלויז איך זע דיך, דאָרף,
און פריי זיך מיט דיין פרייד.

שוואַרצערד

דער טאָג איז מיד, נאָר נישט דער מענטש,
כאָטש אַלע חושים בעטן ביי אים רו.
— שוואַרצערד, מי פון מיינע הענט, דו זיי געבענטשט!
— שוואַרצערד, גיב מיר כוח, כ׳האָב אַזויפיל נאָך צו טאָן!

עס וועלן קיינמאָל מיינע הענט פון דיר נישט ווערן מיד,
און ס׳וועט מיין האַרץ פון דיר נישט ווערן קיינמאָל שוואַך —
דאָך קרעפטיק מיינע אָרעמס, קרעפטיק מיינע טריט,
ווייל ס׳וואַרט אויף מיר נאָך מי אַ סך, אַ סך.

מײן שטאָם

מײן שטאָם — דאָס זענען ייִחן האָרפּישע און שטאַרקע, װי די דעמבעס,
װאָס האָבן פֿון דער שװאַרצערד פּױלישער געצױגן זײער זאַפֿט; —
ברײט־פּלײציקע, מיט פּנימער פֿון זון און װינטן אָפּגעברענטע,
מיט פּױסטן האַרטע, װי די גרודעס ערד, מיט פּױסטן פֿולע קראַפֿט.

ס'ם זענען מײנע זײדעס װײט געװען פֿון פּלפּול און פֿון ספֿרים הײליקע,
און אָפּגעפֿרעמדט פֿון װערטער סאַמעטענע, זײדענע קאַפּאָטעס.
זײ האָבן נישט געװוּסט דעם טעם פֿון פֿױלקײט און פֿון לײדיק גײן,
געטראָגן תּמיד שטיװל יובטענע — אין לעכער און אין בלאָטע.

פֿון קינדװײז אָן — בײַם טײַך, אין רױשנדיקן װאַלד און אױף
די גרינע פֿעלדער,
באַהאַפֿטן האָט אַ פּראָסטע ליבשאַפֿט זײ צום הײמדאָרף און
צום לאַנד. —
זײ האָט געשפּײַזט מיט כּוח צו דער אַרבעט ביז דער שפּעטער עלטער,
און ביז צום לעצטן אָטעם אין דעם פּױערישן האַרץ געפֿלאַמט.

ס'פֿלעגט טרעפֿן — ס'האָט עמעצן פֿון זײ געלאָקט די װײַטע לענדער,
און ס'פֿלעגט זיך װער אין װאַנדער און אין װאָגל לאָזן זוכן גליק.
נאָר ס'איז קײן אײנער נישט פֿון זײ געשטאָרבן צװישן פֿרעמדע:
די בענקשאַפֿט, װי אַ מאַגנעט, האָט געצױגן און געפֿירט צוריק.

זײ האָבן זיך אַהײמגעקערט פֿאַרביטערטע און מידע,
אַ לעבן־לאַנג דערצײלט פֿון רײַכקײט שטאָטישער און נױט.
פֿאַרבליבן איז אין זײ דער אומחן צו די רױשיקע יאַרידן,
געבענטשט איז נאָר דאָס שטיקל שװאַרצע דאָרפֿיש ברױט.

און װען עס קומט מיר טײלמאָל אױס די נעמען זײערע דערמאָנען,
איך זע די ענלעכקײט, װאָס איז צװישן זײ און מיר פֿאַראַן:
אױך מיר איז ליב דער האָרעפּאַשנער שװײס פֿון פּנים,
און טײערער פֿון אַלץ איז מיר מײַן הײם — מײַן לאַנד.

באַלאַדע וועגן מיין זיידן אויף דער עלטער

היי! טויזנט ווינטן יאָגן זיך,
טויזנט בורעס וויגעון זיך,
דער שניי פאַרשיט די וועלט.
ס'האָט פיינט מיין זיידע קלאָגן זיך, —
נאָר ס'ברענט און בראָט די קעלט.

דאָס פערדל — קוים עס זשיפּעט נאָך,
דער שליטן — קוים ער סקריפּעט נאָך,
דער זיידע — קוים ער לעבט.
ער רייבט די נאָז און כליפּעט נאָר:
— און דאָס הייסט אויך געלעבט?

עס פרירט זיין באָרד און סאַפּליעס אייז,
ער שרייט צום פערד און רייסט די לייץ:
— נעווילעניו! שוין באַלד...
נאָר ס'פערד איז טויב, און ער ווערט בייז:
— מיר זיינען ביידע אַלט...

ער זיפצט און צופט די גרויע באָרד
און עפּעס איז אים אַזאַ שאָד,
כאַטש נעם און זיך צעוויין...
(צי וויינט ער, ווייל דער פראָסט אים בראָט?
באַדויערט ער ס'פערד, צי זיך אַליין?)

דערשלעפּט זיך צו דער שטאָט ביינאַכט,
נאָר ס'זיינען שטובן צוגעמאַכט:
— אשרי יושבי אין דער היים! —
דער זיידע האָט זיך בייז צעלאַכט
און רייסט אַרויס פון ברוק אַ שטיין...

דער זיידע לאָזט זיין צאָרן אויס,
זיין צאָרן צו דעם רייכסטן הויז,
מיט פענצטער הויך און העל —
ער לאַכט, און האַקט די שויבן אויס
און מאַכט פון זיי אַ תל.

העי! וויאָאָאָ!

דאָס פערדל — קוים עס זשיפּעט נאָך,
דער שליטן — קוים ער סקריפּעט נאָך,
דער זיידע — קוים ער לעבט.
ער רייבט די נאָז און כליפּעט נאָר:
— און דאָס הייסט אויך געלעבט? — —

דעם אָנדענק פון מיין מאַמען

דו האָסט מיט ליבשאַפט אָנגעפילט מיין גרויען טאָג, מיין זיין,
און שטענדיק פלעגסט באַלייכטן מיר מיין פרעגנדיקן בליק,
אַז נישט אין פוסטער פאַרעם און אין רייכקייט —
זיין גליק פון כלל געפינען כ׳זאָל מיין גליק.

געלערנט האָסטו מיך אין פשטות זען די שיינקייט,
דעם כבוד פון באַשיידנקייט געגעבן מיר פאַרשטיין.
פון דיר געירשנט כ׳האָב די ליבשאַפט צו מיין היימלאַנד,
פון דיר געירשנט כ׳האָב דעם האַס צום פיינט.

דו האָסט פאַרפלאַנצט אין מיר די ליבשאַפט צו דער אַרבעט;
געלערנט — אין די שווערסטע שעהן מוטיק זיין און זינגען;
און אויך ווי מיט די שאַרסטקע האַרעפּאַשנע הענט
אַנטקעגנשטעלן זיך דער אָרעמקייט, דעם הונגער.

אין יעדן טאָג דיינעם פון שווערער האָרעוואַניע
געזען כ׳האָב אַ געבאָט, וואָס תמיד מיך באַגלייט אין לעבן:
צו צוקונפט גליקלעכער פון פּראָסטע האָרעפּאַשניקעס ווי דו,
דורך קאַמף און אַרבעט — תמיד שטרעבן.

ירושה

בירושה האָב איך נאָך מיין מאַמען צוויי עמערס ליידיקע באַקומען—
צוויי עמערס, ווי צוויי עדות שטומע
פֿון איר שווערן לעבן —
האָב איך געמוזט א וואַסער־טרעגער ווערן.

וויפֿל טרערן האָסטו אויסגעגאָסן, מאַמעניו,
אין די פֿאַרקויפֿטע עמערס וואַסער?
האָב איך פֿאַר יעדער טרער א טראָפּן האָס אַריינגעמישט,
און כ׳קאָן ביז היינט דאָס נישט פֿאַרשטיין,
ווי ס׳האָבן זיך די באַלעבאַטים ביי דעם זאַטן טיש
מיט יענעם וואַסער, מיט מיין האָס נישט אָפּגעסמט.

ס׳איז מיין געגאַרטע צייט געקומען —
נאָר אין א ווינקל שטייען אַלץ נאָך עמערס צוויי,
צוויי עדות שטומע,
און דערמאָנען,
אַז כ׳האָב נאָך נישט גענומען קיין נקמה
פֿאַר די טרערן פֿון מיין מאַמען.

מאַמע...

ווער האָט דעם שלעכטן חלום אויסגעטראַכט?
ווער האָט צעשיידט אונדז, מאַמע...

כ׳זע דיינע אויגן אומעטום —
דיינע ליפּן און שטילער תּפילה שטום,
און ס׳איז דיין שמייכל סודותדיק און מילד,
און ס׳זענען דיינע אַפּלען טיפער נאָך געוואָרן

דו ביסט נישט בלויז אַ בילד —
דו ביסט איר מיר.
דו לעבסט אין מיר.

לאָז נאָך אַמאָל מיך שפּיגלען זיך אין דיינע אַפּלען,
קושן דיינע פּים און וואונדן,
דערפילן דיינע ליפּן אויף מיין שטערן,
צודריקן זיך צו דיר, וואָס כ׳בין אַ טייל פון דיר;
און פאַרשיכורן זיך מיט מיינע און מיט דיינע טרערן.

מיין טאַטע דער דאָרפֿס־ייד

זיין יעדעס וואָרט צו מיר געווען איז וואַגיק, ניי.
ער פֿלעגט פֿאַר מיר אַנטדעקן וווּנדער שבֿוווּנדער:
ד׳ערקענען די גערעטעניש פֿון אויפֿגעגאַנגענעם פֿאַרזיי;
ביים נאָמען אָנרופֿן אַ יעדן בוים און פֿעלד־געוויקס באַזונדער;
לויט וואָלקנס און לויט ווינט פֿאַרויסזאָגן דעם מאָרגנדיקן וועטער;
פֿון יונגע ווערבע־ריטלעך קוישן דאָרפֿישע צו פֿלעכטן;
רפֿואות־זאַפֿטן אויסקוועטשן פֿון קרייטעכצער און בלעטער,
און ווי אין טייך צו פֿאַנגען שלייען, העכטן.

ערבֿ־פֿרילינג פֿלעגן ווינטן וואַרעמע אויף פֿעלדער בלאָזן,
אין מילדער זונען־שיין האָט שנעל דער שניי געטייעט,
און ס׳פֿלעגן זיך באַווייזן ערשטע בלומען, גראָזן, —
דעמלט פֿלעגט דאָס פּנים זיינס פֿון שטרענגקייט זיך באַפֿרייען,
ווייל ס׳האָט געלעבט אין אים די פֿרייד פֿון זריעה.
די געטלעכקייט האָט ער געזען אין נס פֿון וואַקסן,
אין קערנדל געזאַנט דאָס שפּראָצן און דאָס בליען,
ביז ס׳האָט די עלטער איינגעבויגן זיינע אַקסלען.

זיין לעבנס־וועג געווען איז אַן ערלעכער און פּראָסטער.
ער האָט מיט האָפֿענונג געמוטיקט, ווען ס׳האָט אויסגעפֿעלט
צום עסן,
און ס׳ע האָט די אָרעמקייט אין שטוב געפּראָסטיקט:
— נישט אומעטיק זיין, קינדער, ס׳וועט אַמאָל זיין בעסער...

און ס׳זענען נאָך אַ ווייסטער בורע — צייטן בעסערע געקומען
ס׳איז היינט אין שטובן דאָרפֿישע דאָ זעטיקייט און פֿרייד,
אין ס׳טונקען זיך די הייזער אין געדרוך פֿון בלומען;
נאָר ס׳האָט מיין טאַטע נישט דערלעבט די צייט
צו זען ווי רייך עס האָבן זיך די סעדער דאָרפֿישע צעבליט.

נאָר איך — גערירשנט האָב זיין ליבשאַפֿט
צו דעם, וואָס איז פֿאַר אים געווען ליב — — —

בענקעניש

צוריק צו יוגנט מיינער פירט מיך, סטעזשקעס דאָרפישע,
פּראָביק־ווייסע שטראָזן!
פרימאָרגנדיקער טוי פארווישן זאָל מיין שטאָטישע פארלוירנקייט,
די אייגענע און פרעמדע זאָרגן!
מיין ברודערל! מיין פאסטעכל! דו שפּיל פאר מיר היינט אויף דיין
פלייט

דאָס ליד פון דאָרפישן פרימאָרגן.

ניט קומען וועל איך צו דעם סאַמע דאָרף —
כ׳וועל שעמען זיך, אז כ׳בין דאָ נישט געווען אזויפיל יאָרן...
כ׳וועל לייגן זיך צופוסנס ביי די ביימערס אַלטע שטאַמען
און זאַפּן זייער ריח, און טובלען זיך אין הימל קלאָרן
מיט דעם זשייוואָראָן און מיט דעם סאָלאָוויי צוזאַמען

כ׳וועל שפּיגלען זיך אין זילבער־פארב פון טייכל,
און שוועבן איבער דעכער, ווי דער ווינט אָן צאַמען.
פארנורען זיך, ווי אין אַ טעפּיך, אין די גראָזן ווייכע,
און חלומען... חלומען דאָס וויג־ליד פון דער מאַמען — — — —

אידיליע

זיי שטיל און פאַרנעם ווי די זאַנגען זיך וויגן
אין וואַרעמען אָטעם פון ווינט און פון זון.
דער שמעטערלינג פלאַטערט מיט פאַרביקע פליגל
און קושט אין געציטער די דופטיקע בלום.

אַ לאַרכן־קינד הייבט זיך צום ערשטן געפלי,
און ס'פייגעלע פרייט זיך פון ערשטן נצחון.
— די ערד איז אַ גרויע, דער הימל איז בלוי,
אין זינגענדיק וועסטו דיין בענקשאַפט דאָרט זוכן.

— פאַרגין אים, געליבטע, די הויכקייט פון הימל,
פאַרגין אים דאָס זיסע, האָס לאַרכישע טרעלן. —
די צאַרטסטע געזאַנגען איך הער דורך דיין שטימע,
און טיף ווי דער הימל דיין בליק איז, דער העלער..

פּאָלקסמאָטיוו

בײַ מײַן פֿענצטער זינגט אַ פֿױגל,
אין מײַן גאָרטן בליִען בלומען —
פֿול מיט בענקשאַפֿט מײַנע אױגן:
װעסטו ליבער צו מיר קומען?

מײַנע אױגן פֿעד און פֿײַער,
אַלאַבאַסטער־װײַס מײַן האַלדז —
ליבע שטילע און געטרײַע,
גרײט פֿאַר דיר מײַן מײדלש האַרץ.

װי־זשע לאַנג זאָל איך נאָך לײַדן,
װי־זשע לאַנג פֿאַרשעמט נאָך זײַן?
ס'װערן כּלהס אַלע מײדן,
איך נאָר בין נאָך אַלץ אַלײן.

מײַן געליבטער טױב און בלינד איז,
און ער זעט מיך נישט, נישט הערט —
ליבער גאָט, פֿאַר װעלכע זינד
איז מיר אַ בעל־מום באַשערט?

לאָז אָפּן די טיר

ווען כ'האָב דיך פאַרלאָזן, פון טרויער און בענקשאַפט געטריבן,
־ו האָסט מיך אין וועג נישט פאַרהאַלטן — ביזט עלנט געבליבן.

איך האָב זיך געלאָזט אויף צוריק מיט אמאַליקע וועגן,
געמיינט — ס'וועלן קומען די שוועסטער און ברידער אַנטקעגן.

גאָר מיך צו באַגריסן איז קיינער פון זיי נישט געקומען.
עס האָבן די וועג־שטיינער בלויז מיך באַגעגנט מיט אומעט.

אין האַרץ איז געבליבן די בענקשאַפט און טרייבט מיך היינט ווידער צו דיר.
אָ, כ'בעט דיך, אויב ווילסט מיר נישט קומען אַנטקעגן, — לאָז אָפן די טיר.

אַ גרוס

צווייפל נישט אין מיר, כאָטש ביסט דאָרט עלנט, שוואַך
און אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד,
וואָס שרעקט זיך פאַר דעם וואָי פון ווינט
אין האַרבסטיקער נאַכט.

דורך זיגזאַגן גיי איך צו דיר, אין דיר פאַרטראַכט,
באַגלייט פון וויינענדיקע ווילדע געגנדן
אין נעפל און פאַרנאַכט.

צו...

כ'האָב דיך געזוכט אויף אַלע וועגן און אומוועגן,
וווּ ס'האָט אַמאָל דיין שריט געוואָגלט.
אין איינזאַמקייט האָט מיך די נאַכט באַגעגנט,
ווי ביי א טויב פאַרוואונדעט, האָט מיין הארץ געשלאָגן,
כ'האָב דיך געזוכט אין וואַרעמע און העלע היימען,
אליין — באַהאַלטן זיך אין קילן שאָטן פון די מויערן.
ס'האָט עמעצנס א לאַכעדיקע פרעמדקייט
גענומען אין מיר וויינען,
ס'האָבן וועמענס פלאַכע ווערטער
געגרילצט מיט ווייטיק אין די אויערן

אַמאָל האָט דאָ געשמעקט די צווייג פון פלידער,
ס'האָט אן אָזיערע געקושט דעם ברעג
מיט כוואַליעס גריוועדיקע, ווייסע —
מיר האָבן זיך פאַרלוירן שיכורע און מידע
אין בלעטער־רויש און פליסטערן הייסע. —
ליבע מיינע, איך ווייס,
אַז מאָרגן וועלן מיר זיך ווידער טרעפןביידע,
און וועסט מיט אלע חנען זיך צעבליען ווידער —
ס'וועט דעמלט קיין שום כוח אונדז שוין מער נישט שיידן,
נאָך זיסער בליען וועט דער פלידער.

נעם מיך אָן...

נעם מיך אָן ביי דער האַנט און פיר
צו אונדזער היים אין שטעטעלע, צו אונדזער טיר.

לאָמיר זיך איין קינדער פאַרוואַנדלען יינגע,
ס׳ליד פון ראָזשינקעס און מאַנדלען זינגען.

ס׳וועט דער טאַטע פאַר אונדז די טיר אויפמאַכן,
גלעטן אונדז און קושן אונדז, די מאַמע וועט לאַכן.

ס׳וועט דער טאַטע קיינמאָל מער שוין אונדז נישט קושן,
די מאַמע וועט קיינמאָל נישט די טרערן ווישן.

און איך וויל אויך שוין מער קיין קינד נישט זיין,
ווייל ס׳האָט נישט ווער צושטילן מיין געוויין,

צו שטילן מיין געוויין — — — —

דערמאָנונג

דו ברענגסט מיט זיך דעם אָטעם פון דער אלטער היים.
אין דיינע האָר איך שפיר דעם ריח פון די פעלדער.
עס קלינגט דיין שטים מיט ווייטע אלטע לידער —
א קרעטשמע אין א האָרף צווישן וועלדער.

די הערסט? אַט זינגט דער זשייוואָראָנק פאר אונדז זיין ליד.
די ערד איז ווייך, די ערד איז ווארעם ווי דיין לייב.
די זאַנגען איבער אונדז — א חופה,
און אלע ווילדע מאָנען זענען רויט פון אונדזער פרייד.

אין דיינע אויגן ברענט דער פלאַם פון שטאָלצן בונט,
דיין קליינע ברוינע פויסט — א דונער פון דיין צאָרן.
דו האָסט פון הארץ א וועלט א נייע אויסגעכישופט
און אלץ ארום איז אונדזער אייגנטום געוואָרן.

דו רוקסט זיך נעענטער צו מיר צו און דריקסט מיין האַנט.
עס לייכטן מאָדנע דיינע אויגן. העלער — דיין געזיכט.
מיר שטרעקן צו דער צוקונפט אויס די אָרעמס —
מיר אָנען זי — דורך האָפענונג און ליכט — —

אויף די חורבות — אויפגאנג

פֿאַראַן אַזאַ קלאַנג...

פֿאַראַן אַזאַ בלום,
וואָס פֿריצייטיק פֿאַרוועלקט,
געקייקלט פֿון ווינט
פֿון געוויטער.

פֿאַראַן אַ געזאַנג,
וואָס האָט צו איר קינד
ערשט נעכטן געזונגען אַ מוטער;
פֿאַראַן אַזאַ קלאַנג,
וואָס הענגט אין דער שטילקייט און ציטערט;

פֿאַראַן אַ געשריי,
אַ געשריי פֿון אַ שטומען,
וואָס קומט פֿון זיין ברוסט נישט אַרויס,
וואָס כליפּעט און שטיקט זיך
וואָס כליפּעט און שטיקט זיך
מיט זיך אַליין בלויז —

די בלום

כ׳האָב היינט געזען די ערשטע בלום פון פרילינג —
כ׳האָב זיך אָנגעבויגן צו דעם ווייסן קוויט,
געוואָלט דערלאַנגען מיט דער האַנט.
פלוצעם איז מיין האַנט געבליבן שטאַר —
עס האָט זיך מיר דערמאָנט:

פרילינג —
א טויטן־לאַגער.
ביי א שטעכל־דראָט
שטייט א מאמע —
ווייסע שניי־בלימלעך ביי אירע פיס,
דאָס קינד פון יענער זייט:
— „מאַמעניו, ווי שיין זיי בליען!"
גיט די מוטער זיך א ריס,
ציט אוים די האַנט צום ווייסן צוויט.
— „מאַמעניו, רייס די בלומען נישט,
לאָז זיי לעבן" — — —

אויפן הימל שוועבן וואָלקנס רויך — — — -

1946

כ׳האָב ווידער געזען מיין אַלטע היים,
מיט ווילדן וויין באַוואַקסן,
מיט זון באַשיינט.

אין אַלע פענצטער זענען גאַנץ די שויבן;
און אַלע שינדלען זענען דאָ אין דאַך;
ס׳בליען געל און רויט די רויזן,
ס׳וואָרקען ערגעץ מיינע טויבן,
מיינע טויבן אויפן דאַך —
נאָר ס׳איז די שטוב פאַרמאַכט.

אין קרומען שפיגל פון די שויבן
זשומען פליגן
אין דינע נעצן פון שפינען
צו בלויע הימלען,
צו הימלען בלויע.
און אין דעם פענצטער שטייט אַ ליץ
און לאַכט אויס מיר,
און לאַכט —

כ׳האָב זיך פאַרשעמט, פאַרשעמט.
עס האָט אַ ווייטיק מיך פאַרקלעמט, געדריקט.
עס האָבן טרערן מיך געשטיקט.

נאָר איין גרינע לאַנקע שווייגט מיט קימל,
דער גאָרטן — מיט זשאַסמין.
און ס׳לעכערט דורך מיין בליק עקשנותדיק דעם הימל:
— איך וועל נישט גיין פון דאַנען, כ׳וועל נישט גיין!

אויף דאָס נײַ

ס׳טרעפט אַמאָל, אַז נאָך לאַנגער וואָגלעניש
שפּייט דיך אויס דער צוג אויף דער זעלבער סטאַציע,
פון וועלכער אָנגעהויבן האָסט דײַן וועג;
דערקענסט אַ יעדעס געסל, יעדעס הויז,
יעדן ברונעם, יעדן בוים
און אַלץ, צו וואָס דו האָסט געבענקט —
ווי אַ געשפּענסט, דו שאַרסט זיך דורך די גאַסן!
און ס׳קוקן דײַנע אויגן דורך די מענטשן, ווי דורך גלאָז.
און מענטשן גייען אין אַ זײַט פון דיר
און סודען זיך: ווער איז דער פרעמדער?
און ווײַטער גייענדיק, דערזעסט אַ קינד,
וואָס שפּילט זיך אין אַ פענצטער
און ציט צו דיר די הענטלעך אויס —
באַמערקסט ערשט איצט דעם פרילינג און די שטראַל;
און זוכסט עמעצן אַרום זיך
און טראַכסט פון דעם, וואָס איז פאַרפאַלן.
און זוכסט אַ טרייסט אין די צווײַגעלעך,
וואָס שפּראָצן פון דער ערד אַרויס
אַרום דעם אַלטן אָפּגעהאַקטן שטאַם
אויף דאָס נײַ — — — —

צום דיכטער

דיכטער — דיך וועקט היינט פון לירישן דרימל,
פון פלאָנטער פון זאַצן,
מיט טויזנטער שטימען פון פעלדער און רוישיקע גאַסן
דער פּראָסטער טאָג־טעגלעכער מענטש.

אויף סקיבעס פּאַראַקערטער ערד
איז די סאָבע, די בראָנע — א שווערד
אויף דער וואַך פון דער פרייד, פון דער זעט.

אין יעדן זאַוואָד און אין יעדער פאַבריק
הילכט די מוזיק
פון טראַנסמיסיעס, מאָטאָרן.
און אין די מאַרטענישע אויוונס
זידן רויט מעטאַלן —
בלוי בליצט דער אַצעטילען
אין אונדזערע הענט.

אין די גאַסן וואַקסן הייזער, ווי שוואָמען,
אויף טיפן און פעסטן פונדאַמענט,
און העכער פון די רושטאָוואַניעס
שטייגן די ווענט.

דיכטער! דיך רופט היינט דער פּראָסטער מענטש —
דער מחבר פון זאַנגיקע לידער,
פון פּילשטאַקיקע הויכע פּאָעמעס
פון שטאָל, מעטאַלישע צעגליטן.

ווייש אָפּ פון דיין פּענע דעם זשאַווער
און אויף דעם פּייזאַזש, וואָס ארום דיר,
שיס אויס א וואָרט, ווי א ראַקעטע,

און זאָל דיין ליד בלייבן לייכטן
איבער אונדזער טאָג־טעגלעכער פרייד!

אין מיינע לידער...

אין מיינע לידער ציטערט אַ געשריי פֿון עָבר:
טויט און הונגער און געפֿאַר.
טעג מיט טעג זיך כמאַריק שייִדן —
עס ציט פֿאַרביי מיין יוגנט,
ציט פֿאַרביי דורך שטיינערדיקע וועגן
מיט בלעטער אויסגעריסן פֿונעם קאַלענדאַר,
מיט קראַטן אויף מיין גרינעם טאָג־בוך.
נאָר פֿרילינגס קומען, בליען אויפֿדאָסניי —
יוגנט מיינע! כ׳זוך דיך אומעטום און זוך.

די פשוטע פרייד

ס׳איז שיין דאָס ליד, וואָס ס׳זינגט דער מענטש,
א פרייער, ווי אין הימל־בלוי דער פויגל.
דער טאָג איז אין דעם שמייכל פונעם קינד געבענטשט
און מיטן לעבן פרייען זיך די האָפנדיקע אויגן.

דאָס איז די פרייד פון ארבעטער, וואָס האָט פון יוגנט אָן
אין קוילן־גרובן ביי דעם פירשט פאַן־פלעסס געשמאַכט,
ווען ער דערזעט, ווי ס׳פלאַטערט הויך זיין רויטע פאָן,
און זאָגט מיט זיכערקייט און ליבע: אונדזער איז די שאַכט...

דאָס איז די העלע פרייד פון קינד, די גרויסע פרייד,
וואָס בליט צו פריינדשאַפט — פריינדשאַפט, נישט צו האַסן.
דאָס איז די פרוכט פון אונדזער הערלעכן פארזיי:
די ליבע צו דעם פאָלק, צו פעלקער און צו ראַסן.

דאָס איז דאָס ווערק פון יעטוועדן פון אונדז באַזונדער,
געשאַפן ביי דעם מיקראָסקאָפּ, צי מיט דעם האַמער:
די פרייד פון קינד, פון דיכטער און דערפינדער,
פון ארבעטער, געלערנטע און פויערים צוזאַמען.

כ׳האָב געעפנט מיין פענצטער...

כ׳האָב געעפנט מיין פענצטער צו דער וועלט,
מיין האַרץ — צו דער וועלט.
איך זאַפּ אין זיך אריין
די זון, די פרייד, דעם שמייכל פונעם זיין.

ס׳איז מיר ענג אין מיין שטיבל,
וועל איך צעשמעטערן די ווענט,
וואָס טיילן מיך אָפּ פון דעם מענטשן.

געבענטשט זיי, מיין ליבשאַפט,
וואָס כ׳וועל אין דיין שייטער פאַרברענט,
פאַרלוירן,
און ווידער אין הערלעכקייט דיינער געבוירן.

רעפּאָרטאַזש פֿון נײַעם דאָרף

דאָס זעלבע דאָרף. דער הימל איז דער זעלבער.
אַזוי איז עס געווען אַמאָל אין מײַנע קינדעריאָרן.
נאָר ברייט פֿאַרזייעט ציִען זיך די פֿעלדער —
פֿאַראַקערט זענען שוין די מיעדזעס דאָ געוואָרן.

עס זאַמלען בײַ דער נײַער קוזשניע זיך פּויערים —
קאָמביינען, דרעשמאַשינען זיי באַטראַכטן ערנסט און גענוי;
דער זשום פֿון טראַקטאָר קלינגט ווי אַ מוזיק אין אויער.
די אַגרעגאַטן — נײַ, עס שפּיגלט זיך די זון אין יעדער שרויף.
אַט פֿאָרן שוין אַרויס אין פֿעלד די מעכטיקע מאַשינען.
דעם פּייגלשן געצוויטש פֿאַרטויבן די מאָטאָרן
מיט אַ געזשום פֿון ראַיִענדיקע בינען.

אַ זוניקער גייט אויף דער טאָג, אַ קלאָרער.
און צו אַ שיף גלײַך, דער קאָמביין — אויף זאַנגען־כוואַליעס אינעם פֿעלד.
ס'איז דעם קאָמביינערס פּנים רויט פֿון פֿרייד און היץ:
די שניט־קאַמפּאַניע איז אַ קאַמף, און ער מוז קעמפֿן ווי אַ העלד, —
אַט־דאָ, בעתן שטרייק, געפֿאַלן איז זײַן פֿאָטער אונטער פּאָליציישקע שמיץ,
ווען ער האָט זיך דערוועגט צו קעמפֿן פֿאַר אַ צוקונפֿט פֿאַר אַ בעסערער פֿאַר זײַנע קינדער.
דער זון האָט יענע שלעכטע צײַטן אויפֿן גאַנצן לעבן פֿאַרגעדענקט:
דער פּריץ האָט געזאָרגט, די פּויערים פֿאַרבלײַבן זאָלן פֿינצטערע און בלינדע;
דאָס דאָרף געווען איז תּמיד אויסגעמאַטערט: הונגער, אָרעמקייט און קרענק.
ער ווייסט — עס איז דער קלאַסן־קאַמף אין דאָרף נאָך נישט פֿאַרענדיקט.
עס לויערן נאָך בייז די אויגן וועלפֿישע פֿון דעם קולאַק, —
נאָר שוין פֿאַרשוווּנדן איז דאָס פּריצישע געשפּענסט אויף שטענדיק;
דער בונד פֿון אַרבעטער און פּויער איז אומצערײַסבאַר שטאַרק.

אַ שטאָלצער שטייט דער יונגער טראַקטאָריסט ביים רול:
ער וועט די שניט־קאַמפּאַניע דורכפירן ווי ס'דאַרף צו זיין...
עס וועט דער שפּייכלער דאָרפישער מיט ווייץ זיין פול.
ס'וועט פרייען זיך מיט אים דער גאַנצער קאָלעקטיוו, די עלטערן
און פריינד.

דעם וועג אין פעלד באַשאָטענען צוויי יונגע עפּל־ביימער־רייען.
צום דאָרף זיך ציען לאַסט־מאַשינען, אָנגעלאָדענע מיט שווער
געוויכט:
אַ פאָלקס־שול וועט דאָס דאָרף נאָך היינטיקס יאָר באַנייען,
און אין די פויערישע שטובן לייכטן וועט עלעקטריש ליכט; —
זיי פירן צו דער בוונג צעמענט, ציגל, דראָט
און פילן אָן די מאַגאַזינען דאָרפישע מיט סחורות.
בריגאַדעס ספּעציאַליסטן קומען פון דער שטאָט
און בויען הייזער — דענקמאָלן פאַר קומענדיקע דורות.

פאַרנאַכט, ווען ס'פאָרט דער טראַקטאָריסט פון פעלד,
באַגריסן אים מיט בלומען אַלע היימען,
און פריינדלעך לאַכט צו אים אַן אַלטער, גרייזער פויער:
דאָס איז דער זקן, וועלכער האָט פאַרפלאַנצט ביים שליאַך די עפּל־
ביימער,
וו ס'האָבן פריער ווּיסטע ווערבעס בלויז געטרויערט.

מיין רייכטום

ווער איז פון מיר רייכער?

די זון קושט מיינע פעלדער,
שפיגלט זיך אין מיינע טייכן
און אין מיר;

ס׳בליט אויף מיט א שמייכל מיין געזיכט,
מיינע הענט פּאַטשן פאַר פרייד,
די ליפּן זינגען א ליד
פון גלויבן אין מיין בוי
און אין זיג.

און זאָל איטעדער מיך פאַרשטיין,
אַז ס׳איז מיין פרייד
אין אייער פרייד —
אַז כ׳בוי אַ היים
פאַר אייך אַ היים,
און אַז מיט דעם כ׳בין רייך,
וואָס כ׳בין אַ טייל פון אייך.

ביי דער בויונג

הורבות זענען דאָ נאָך ערשט נישט לאַנג געלעגן
און דורך די פענצטער־לעכער האָט געוואָיעט ווינט.
זענען מענטשן דאָ געקומען מיט לאָפּאַטעס, העק און זעגן,
און זע — דער אומעט איז אַוועק געשווינד.

דעם ציגל־ברוך און פון פאַרטיליקונג די לעצטע שפּורן
זיי האָבן גרינטלעך אויסגערוימט,
און וווּ עס איז געווען רואינען בלויז פון עברדיקע יאָרן,
באַוויזן האָט זיך לעבן, הימל, רוים.

עס האָט געברענט די אַרבעט אין די הענט,
די מענטשן האָבן זיך באַמיט — וואָס שנעלער, שנעלער;
עס זענען נישט דערגאַנגען נאָך צום דאַך די ווענט —
מע האָט אַריינגעשטעלט שוין פענצטער, טירן, שוועלן.

אין יענע הענט האָב איך געזען אַ וווּנדערלעכע קראַפט,
און פרייד — אויף יעטוועדן געזיכט.
עס האָבן אויגן וואַרעם־מילד צו מיר געלאַכט:
אַזוי־אָ בויט מען, ווען מען בויט פאַר זיך!

געוועט

אַנטקעגן מיינע פענצטער וואַקסט אַ נייער מויער.
אים בויען מיינע פריינד:
דער מויערער, דער טישלער און דער זדון,
און יעדן טאָג ווער איך ביי זיי געוווירער
וויפל שורות ציגל זיינען צוגעקומען היינט
און וואָס עס בלייבט אויף מאָרגן נאָך צו טאָן.

מיר קענען זיך שוין ביי די נעמען,
און ס׳זענען אונדזערע מלאכות ביידן אונדז נישט פרעמד,
ווייל ווי די דיכטונג איז דעם בויערס מי,
און ס׳ליד מיינס מוז דאָך פעסט זיין ווי צעמענט.

און ס׳גייט בשתיקה אָן ביי אונדז אַזאַ געוועט:
ווער גיכער און ווער שענער —
דער בויער אָדער דער פּאָעט...

פאָרטרעט פון אַ שלאָגלעריין

פריינדין מיינע, מיט די אויגן מוטיקע און העלע —
דיך האָט געוויגט צום קינהער־שלאָף די נויט;
די אָרעמקייט געטריבן האָט דיך איבער פרעמדע שוועלן,
דיין יוגנט קויפן זאָלן רייכע פאַרן ביסן ברויט.

די האָסט פאַרשטיקט דיין טרער, וואָס האָט געקאָנט פאַר יענע
זיין אַ שפּאַס.
עס האָבן בלויז די אָרעמס דיינע קרעפטיקע געהאַט פאַר זיי אַ ווערט.
געצייטיקט זיך פאַרבאָרגן האָט אין הארץ דיינעם האַס
צו די, וואָס האָבן דיר דעם שמייכל קינדערשן פאַרשטערט.

און שפּעטער האָסטו אויך דערפילט דעם יאָך פון פרעמדן פיינט.
מיט טויט־גרויל און מיט פּחד איז געווען געצייכנט יעדע רגע.
ס'האָט ווידער האַס געברויזט אין דיר, נאָר האָסט שוין נישט
געוויינט —
עס האָבן דעמלט דיך געקענט אין וואַלד די פּאַרטיזאַנער־וועגן.

און ווען דו האָסט די פּאַרטיזאַנער־שבועה טריי צו זיין געגעבן,
און ווען דו פלעגסט מיט קויל באַגריסן דעם פאַשיסט, —
ביסט תמיד גרייט געווען מקריב זיין דאָס יונגע לעבן,
כּאָטש לעבן און דערלעבן דעם נצחון האָט זיך דיר אַזוי געגלוסט...

ווייל ערגעץ טיף אין הארץ האָט מוטיק זיך די האָפענונג פאַראַנקערט,
אַז ס'קומען שוין אַנטקעגן טעג, ווען וועסט שוין קאָנען ליבן —
ווייל ס'האָט געפּליסטערט ערגעץ טיף אין די פאַרביטערטע געדאַנקען
די זיכערקייט, אַז ס'וועט דער שונא זיין אויף תמיד שוין פאַרטריבן.

ווען ס'איז דער לעצטער אַפּהילך פונעם קריג פאַרשטומט געוואָרן,
האָסט נישט געטראַכט פון אָפּרו נאָך די צייטן גרויליקע און הארבע;
פאַרווירקלעכט זענען דיינע טרוימען נאָך די לאַנגע שווערע יאָרן,
און ווידער שטעלסטו זיך, דעם פאָלק צו דינען, צו דער אַרבעט.

ערשט איצט האָסטו דערפילט אין זיך די פרייד פון פרייען זיין,
דערזען אַרום מיליאָנען ענלעכע צו דיר
דערפילט: דאָס היימלאַנד איז די שענסטע היים,
דאָס פאָלק איז אַ משפּחה פריינד און קרובים אָן אַ שיעור.

דו האָסט אין זיך אַנטפּלעקט אַ קוואַל פון כוחות נייע,
טאָגטעגלעך צו פעסטיקן דעם אויסגעקעמפטן זיג,
אַז וואַקסן זאָלן דיינע קינדער זאָרגלאָזע און פרייע,
אַז וואָגן זאָל נישט קיינער מער צו שטערן זייער גליק.

פריינדין מיינע, כ'האָב געזען אין קינאָ־כראָניק היינט אַ בילד,
און באַלד דיין פריילעך־לאַכנדיק געזיכט דערקענט;
מיט דיר צוזאַמען כ'האָב דיין שטאָלצע פרייד געפילט:
אין דעם בעלוועדער־פּאַרק שפּאַצירסט מיט אונדזער פּרעזידענט,
און וועגן דיינע פריידן טעגלעכע דערציילסט.
ער רעדט מיט דיר, ווי תמיד, פריינדלעך, מילד —
איך האָב אין דעם דערזען — דאָס בילד פון אונדזער צייט.

אַן אַלטע שילערין

די האָרעפּאַשנע מי פֿון לאַנגע שווערע יאָרן
האָט איר געזיכט אין אַ צעקנייטשטן פֿאָרמעט אויסגעפֿורעמט,
און יעדעס ניי־געבוירן קינד
האָט נייע זילבער־פּאַסמעס איינגעפֿלאָכטן אין די האָר איר.

אויף אירע פּלייצעס, איינגעהויקערטע און שוואַכע,
דעם יאָך פֿון אָרעמקייט זי האָט געטראָגן
(די שלעכטע צייט פֿאַוואָליע שלעפּט זיך, ווי אַ טשערעפּאַכע),
און ס'האָט אַ ליבשאַפֿט־קוואַל אין אירע אָדערן געשלאָגן.

געווען איז זי אַ נישט געלערנטע, אַ פּראָסטע פֿרוי
(אַפֿילו לייענען און שרייבן נישט געקענט)
אין טיילמאָל האָט זי זיך געפֿרעגט פֿאַרוואָס, פֿאַרווען
דאָס לעבן אירס איז ביטער־גאַל אַזוי,
און ענטפֿערן אַליין זיך האָט זי נישט געקענט,
איז זי אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרביטערטע און שטילע,
און עמעצן צו פֿרעגן האָט זי זיך געשעמט.

זי האָט געקוקט אויף דעם געדרוקטן וואָרט, ווי אויף אַ סוד,
וואָס איז פֿאַר מענטשן אָרעמע, ווי זי, פֿאַרבאָרגן;
דאָס גאַנצע אָרעם לעבן אומפֿאַרשטענדלעך איז אויף יעדן טראָט —
פֿאַר איינעם פֿרייד אַ פֿולע מאָס, דעם אַנדערן — בלויז זאָרגן, זאָרגן.
זי פֿלעגט זיך טיילמאָל צוקוקן צו אותיות געדרוקטע אין די ביכער;
ווי פּאַטשערקעס זיי האָבן אויסגעזען צעשאָטן, ענלעך איינס ביי איינס,
און ס'האָט איר ווי געטאָן דער נייגיר, און געווען איז זי זיכער,
אַז וואָלט זי לייענען געקאָנט, — נישט איינס וואָלט זי געקאָנט פֿאַרשטיין.

און איצטער, אויף דער עלטער, איז אַ נייע וועלט אַנטשטאַנען.
ס'האָט עמעצער אין זינען אויך די אַלטע אָפּגעהאָרעוועטע פֿויערטע,
די אָרעמקייט און זאָרגן האָט מען ביי איר אָפּגענומען,

איצט טוט איר ווײ, וואָס אָפּגעשטאָרבן פֿאַר דער צײַט איר מאַן איז —
ער פֿלעגט איר תּמיד טרײסטן, ווען זי איז געווען אַ פֿאַרטרויערטע,
אַז ס'וועלן צײַטן בעסערע נאָך קומען.
איר דוכט זיך — יונגער און געזונטער וועט זי הײַנט
און אַלץ, וואָס איז אַמאָל געווען,
האָט בלויז פּאַסירט אין שלעכטן חלום.
אַביסעלע פֿאַרשעמט ביים בוך און העפֿט זי זיצט געבויגן —
די וועלט וועט לײַכט אַזוי איצט צו פֿאַרשטײן...

און ס'לײַכטן אויף בײַ איר מיט שטאָלץ און גליק די אויגן,
ווען זי פֿאַרשרײַבט מיט ציטערדיקע הענט
דאָס וואָרט דאָס ערשטע: שלום.

ליד וועגן ערשטן מאַי
און אַ באַן־בריגאַדע פון זמפּ־מיידלעך

רעלסן לויפן אונדז אַנטקעגן,
ס׳לויפן אונדז אַנטקעגן וועגן,
שאָטנס לויפן אונדז פאַרביי,
פליען בריקן און טונעלן,
נייע הייזער און פאַבריקן —
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ, און אויגן קוועלן,
און דער צוג הייסט „1-טער מאַי״.

ס׳פירט דעם פּאַראַוואָז אַ פרוי —
אויגן בלויע — טיפע ברונעמס,
און צוויי לאַנגע בלאָנדע צעפּ;
און די הייצערין — אַ פרוי אויך,
און דער פּאַראַוואָז אין בלומען.
ס׳גלאַנצן רעדער שפּאָגל־ניי —
ס׳פירט בריגאַדע זמפּ,
און דער צוג הייסט „1-טער מאַי״.

שטאַרק און פריידיק פירט דער צוג אונדז.
— ראַשער פיר אונדז אין דער צוקונפט!
זיבער וועלן מיר באַווייזן
דורכצומאַכן גיך די רייזע —
ס׳פירט די רויטע פאָן צו פרידן —

מאַשיניסט! צום סאָציאַליזם! — — —

מיינע טריט

— מעגלעך הונדערט טויזנט טאנען שטאל און אייזן! —
שרייען מיר אנטקעגן טראנספארענטן.
— חברים! האט איר אויסגעפירט דעם פלאן?
מיט וויפל מער פראצענטן? —

ווי אויסרופצייכנס הייבן זיך ארויס פון רויכיקן קאיאר
די קוימענס פון פאבריקן:
— נאך מער קוילן, חבר שאכטיאר!

עס ציען זיך שאסייען נייע, בריקן;
וווּ ס׳איז א חורבה נעכטן נאך געווען,
וועט מארגן שטיין א הויז
מיט רויטע בלומען אין די פענצטער
און ווייסינקע גארדינען.

דער מאשיניסט, וואס שאפט מוזיק דורך רוישיקע מאשינען,
א קינסטלער איז, און אויך דער טישלער, אויך דער שמיד,
ווייל ס׳איז א יעדעס נייע הויז — א פריידיקע פאעמע,
א ליד, וואס הילכט: מיר האבן עס באוויזן!

און ס׳ווערן מיינע טריט נאך פעסטער, שטאלצער,
ווייל ס׳איז א יעדער טראט — א שריט צום סאציאליזם.

שלעזישער פייזאזש

ס׳איז דאָ נישט פאַראַנען קיין נאַכט,
קיין אומעט איז דאָ נישט פאַראַנען.
עס רייסט דינאַמיט אויף אין שאַכט
און ס׳קלאַפּן אין הוטעס עלעקטרישע האַמערס.

ס׳איז שטיינקויל — ענערגיע, וואָס טרייבט די פאַבריקן,
ס׳איז שטיינקויל — דער כוח פאַר ריזיקע באַנען; —
און שטאָל — זענען רעלסן, מאַשינען און בריקן,
און פרייד איז אין אַרבעט און האַרמאָנגראַמען.

ס׳איז אונדזער די שאַכטע און אונדזער די הוטע,
די האַרטעסטע שטאָלן דאָ ווערן צעשמאָלצן —
הערט הייסער דאָס האַרץ, און ס׳איז פריידיק דער אָטעם:
די אַרבעט איז אונדזערע — מעגן מיר שטאָלץ זיין.

ס׳וואַקסט דער פּראָצענט ביי מאַרטענישע אויוונס,
און ס׳הערט זיך פון שאַכטע דער רויש פון קאָמביינען* —
ערגעצוו שפּילן זיך קינדער מיט טויבן,
און ס׳גרינען אויף האַלדעס** די קנאָספּן פוןביימער.

---

* קאָמביינען, וואָס באַקומען אַרויס קוילן פון שאַכטעס.

** בערגלעך, וואָס אַנטשטייען פון זאַמד און שטיינער אַרום די הוטעס און שאַכטעס.
כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שלעזישער לאַנדשאַפט.

וואַכעדיקער אָוונט

1

דו גייסט אַהיים אין אָוונטיקער שעה אַ מידער,
נאָר מיט אַ גוטן שמייכל אויפֿן אָפּענעם געזיכט.
עס זיינען פֿול מיט רואיקייט אַלע דיינע גלידער,
און ס'האַרץ איז פֿול צופֿרידנקייט פֿון אויסגעפֿילטער פֿליכט.

דו זוכסט צעווישן פֿענצטער, צי סע לייכט זיך שוין ביי דיר אין צימער,
און ס'בליצט אין דיינע אויגן אויף אַ שיין פֿון שטילער פֿרייד,
ווען עפֿנסט אויף די טיר און הערסט די קלינגענדיקע שטימע
פֿון זונעלע: „דער טאַטע גייט! דער טאַטע גייט!"

עס וואַרט דיין פֿרוי אויף דיר מיט צערטלעך וואָרט
און מיט אַ מוטערלעכן ריר פֿון אירע מידע הענט—
און ס'איז דיר ליב און טייער יעדעס ווינקעלע און אָרט
פֿון אָט די וואַרעמע און גליקלעכע פֿיר ווענט.

2

די מוטער שטייט ביים קינד געבויגן.
דאָס קינד האָט רויטע בעקלעך און שוואַרצע אויגן.
די מוטער דערציילט וועגן גילדענער פּאַווע אַ מעשה.
דאָס קינד האָט הערעלעך שוואַרצע און ציינדעלעך ווייסע.

דאָס קינד וועט איצט אַנטשלאָפֿן ווערן.
ס'וועט קיינער זיין חלום נישט שטערן;

ווייל כאָטש אין דרויסן איז אַ רעגן, אַ וויכער —
אין אונדזער שטוב איז וואַרעם און זיכער.

3

האַלבע נאַכט. דער זייגער שלאָגט.
— „קום שלאָפן — ביסט דאָך מיד
און מאָרגן וועט דאָך אויך נאָך זיין אַ טאָג,
טאָ שטעל אריין דעם לעצטן גראַם אין ליד —
גענוג אויף היינט".

ער וואַרפט נאָך צו אַ בליק צום קינד,
וואָס שלאָפט און שמייכלט מילד פון חלום.
(ער נעמט אַראָפּ פון וואַנט פראַנצעסקאַ גאָיאַס בילד —
דאָ פּאַסט זיך בלויז פּיקאַסאָס טויב פון שלום).

נפתלי באַטווין

אין קאַמף פאַר צייטן ליכטיקע פון קאָמוניזם
דיין לעבן פאַר אַ קרבן האָסטו געבראַכט,
און ס'האָט דיין העלדן־טויט דעם פאָלק באַוויזן
אַ ליבשאַפט אָן אַ מאָס, דעם פיינט — פאַראַכט.

פאַר דיר איז טייערער פון אַלץ געווען דאָס בילד,
וואָס האָט באַשטראַלט דיין וועג דעם לעצטן, העלד:
אין גראַניט־שטאַרקן ווילן פון דיין האַרץ פאַרהילט,
געוויגלט האָט אַ וועלט פון יושר, אַ גערעכטע וועלט.

דו האָסט דעם טאָג פון זיג זיך נישט דערוואַרט,
צו זען די ברידער דיינע גליקלעך, פריי און גלייך.
דו האָסט די פאָן פון קאַמף דערלאַנגט דעם אַוואַנגאַרד
און איבער קעפּ פון הענקערס אונדז דערגרייכט.

און ווען עס האָט די לעצטע שעה שוין אויסגעשלאָגן
און טריב געהאָגלט האָט דאָס פויקן פונעם ווערבל, —
דעם אורטייל האָסטו אויפן קאָפּ אַרויסגעטראָגן,
און דו אַליין געבליבן ביסט אומשטערבלעך.

דורך קראַטן און דורך הויכע מויערן פון תפיסה,
אַנטקעגן ביקסן, אָנגעלאָדענע מיט מערדערישן בליי,
געוואָרפן האָסטו שטאָלץ דעם אָנזאָג און באַגריסונג:
— זיגן וועט די פרייהייט! ס'וועט זיגן די פּאַרטיי!

שורות פון אַ ביאָגראַפֿיע

כ׳האָב דיך געזען אין שעה פון ביטערקייט און פּיין,
ווען ס׳האָט געשטיקט דיך אין דער איינזאַמקייט דער אָטעם.
פֿאַרקוקט אין זיך, האָסט דעמלט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין
אַז עס שיינט די זון, און ס׳רוישט די שטאָט ווי תמיד.

און שפּעטער האָסט זיך איינגעהאָרכט אין איר געדרודער,
דערהערט דעם ריטם, וואָס איז אַנטקעגן דיר געקומען
אין טראָט פֿון מענטשן, ענלעכע צו דיר, ווי ברידער.
— קום מיט! — האָט עמעץ דיך ביים אָרעם אָנגענומען.
ס׳האָט עמעץ דיר געוויזן: — זע, עס היילן זיך די ביימער
און גלייכן אויס די צווייגן, איינגעבויגענע אין שטורעם.
— מיר וועלן וואַך זיין איצט און נישט דערלאָזן קיינעם
צו ברעכן לעבעדיקע צווייגן און צו שטערן רו פֿון קברים.
— פֿאַראַן אַזויפֿיל טרערן אָפּצווישן, שאָדנס צו פֿאַרריכטן,
אַזויפֿיל קינדערשע געזיכטער צו באַשענקען מיט אַ שמייכל.
— מיר וועלן חשבון ביי די מערדער מאָנען פֿאַר דעם נעכטן,
און שטראָפֿן, און באַזיגלען זיי מיט קינס צייכן.

עס האָבן פּנימער גערעדט, באַזעלטע און צעפּלאַמטע,
עס האָבן ווערטער און געדאַנקען זיך געכוואַליעט און געברויזט,
און אַלע פּנימער געוועזן זענען גוט באַקאַנט דיר,
די ווערטער — ווי פֿון האַלדז דעם אייגענעם אַרויס.
דאָס איז געווען דאָס וואָרט פֿון ווידעראויפֿקום.
אַ פֿויגל האָט גענומען בויען זיך אַ נעסט, דער מענטש — אַ היים.
אַ לאָמער אינוואַליד האָט זיך געפּרוווט צום ערשטן מאָל אַ לויף טאָן, —
האָסט אויפֿגעהערט זיך פֿילן איינזאַם און אַליין.

די גוטע הענט

ערגעץ אין א וויסטעניש —
אויף הייסע זאַמדן פלעגן בלויז די ווינטן זשומען,
געוואָיעט האָבן די שאַקאַלן.
היינט שפּריצן דאָרט פון דר'ערד אַרויס פאָנטאַנעס,
דאָרט שפּראָצן פון דער ערד אַרויס די בלומען,
דאָרט וואַקסט דער יונגער וויין
אין שיין פון זונען־שטראַלן.

די גוטע הענט פון מענטש —
זיי וויסן ווי אַזוי דערנענטערן דעם מאָרגן:
זיי קרישלען בערג און ווענדן טייכן אין א נייער ריכטונג.
דאָס איז די קראַפט, וואָס ברויזט
און שאַפט די הערלעכסטע געשיכטע.

די גוטע הענט
און מענטשן פון גוטן ווילן —
דורך זייערע פינגער פליסט די ליבע;
זי גייט דורך הערצער מענטשלעכע,
ווי דורך א בריק, אַריבער.

שטאַרק איז די בריק פון ליבע,
שטאַרקער פון שטאָל
און פון אייזן.

דאָס זענען די גוטע הענט,
פאַרפלאָכטן אין פריינדשאַפט און שלום,
און קיינער,
קיינער וועט זיי נישט צערייסן!

נעגער

ס'איז דער נעגער געגאַנגען אין קריג
אין סעפּאַראַטע באַטאַליאָנען,
כאָטש בלוט פאַרגאָסן האָט ער פאַרן זעלבן זיג,
פאַרטיידיקט די זעלבע „שטערנדיקע" פאָנען.

אויף אייראָפּעס פעלדער האָט דאָס בלוט פון ווייסע
און פון שוואַרצע גלייך גערונען —
דער נעגער האָט געשמייכלט צו די ווייס-רויט-בלויע פאָנען
און גוססדיק געשעפּטשעט לינקאָלנס נאָמען.

דער קריג האָט זיך פאַרענדיקט.
דיין פרייהייט איז אַ וווּנדער-מעשה —
אין דיין לאַנד נישט פרייהייט האָט געזיגט,
געזיגט האָבן די — רייכע.

אָ, נעגעריש קינד,
דיין פרייהייט, וואָס איז אין לידער בלויז פאַראַן,
וועט אַמאָל זיין וואָר,
ווי וואָר ס'איז היינט דער לינטש און קו-קלוקס-קלען — — —
אָ, נעגעריש קינד.

אינהאַלט:

מײַן הײם

זײַט

מײַן הײם 5
פֿרילינג אין דער הײם 7
ערד 8
האַרבסט 10
שוואַרצערד 11
מײַן שטאָט 12
באַלאַדע װעגן מײַן זײדן אױף דער עלטער 13
דער אָנדענק פֿון מײַן מאַמען 15
ירושה 16
מאַמע... 17
מײַן טאַטע דער דאָרפֿס־ייִד 18
בענקעניש 19
אידיליע 20
פֿאָלקסמאָטיװ 21
לאָז אָפֿן די טיר 22
אַ גרוס 23
צו... 24
נעם מיך אָן 25
דערמאָנונג 26

אױף די חורבות — אױפֿגאַנג

פֿאַראַן אַזאַ קלאַנג... 29
די בלום 30
1946 31
אױף דאָס נײַ 32
צום דיכטער 33

זייט

אין מיינע לידער...	34
די פשוטע פרייד	35
כהאָב געעפנט מיין פענצטער...	36
רעפּאָרטאַזש פון נייעם דאָרף	37
מיין רייכטום	39
ביי דער בויונג	40
געוועט	41
פּאָרטרעט פון אַ שלאָגלערין	42
אַן אַלטע שילערין	44
ליד וועגן ערשטן מאַי און אַ באַן-בריגאַדע פון זמס-מוידלעך	46
מיינע טריט	47
שלעזישער פּייזאַזש	48
וואָכעדיקער אָונט	49
נפתלי באָטווין	51
שורות פון אַ ביאָגראַפיע	52
די גוטע הענט	53
נעגער	54